כיטרעקייט פון באַטרוג צו פאַרפירן; נאָר, זאָגנדיק
דעם אמת אין ליבע, לאָמיר אין אַלעם וואַקסן אין
16 אים, וואָס איז דער קאָפּ, דער משיח, פון וועמען
דער גאַנצער גוף, זייענדיק צוזאַמענגעפאַסט און
צוזאַמענגעבונדן, דורך אַלע געלענקען, וואָס (איינס)
העלפט (דאָס אַנדערע), וואָס לויט דעם כּח אין מאָס
פון יעדן אבר באַזונדער, מאַכט וואַקסן דעם גוף,
זיך אויפצובויען אין ליבע.

17 דאָס דאַזיקע זאָג איך דעריבער און באַשווער
אייך אינעם האַר, אַז איר זאָלט זיך מער נישט אויפ־
פירן, ווי די גוים פירן זיך אויף אין דער נישטי־
18 קייט פון זייער שכל, וועלכע זענען פאַרפינסטערט
אין זייער פאַרשטאַנד, פאַרפרעמדט פון דעם לעבן
פון ג־ט, צוליב דעם אומוויסן, וואָס איז אין זיי, דורך
19 דער פאַרטעמפּטקייט פון זייער האַרץ; האָבנדיק
פאַרלוירן יעדעס געפיל, האָבן זיי זיך איבער־
געגעבן צו פאַרשייטיקייט, צו טון יעדע אומזויבער־
20 קייט אין (שייכות מיט) געלטגייציקייט. איר אָבער
21 האָט נישט אַזוי געלערנט דעם משיח; אויב איר האָט
באמת פון אים געהערט און זענט געלערנט געוואָרן
22 אין אים,—ווי דער אמת איז אין ישוען—, אַז וואָס
שייך דעם פריערדיקן וואַנדל זאָלט איר אָפּטאָן
דעם אַלטן מענטשן, וועלכער גייט צו גרונט פון
23 די פאַרפירערישע תאוות, און באַנייט ווערן
24 אינעם גייסט פון אייער פאַרשטאַנד. און זאָלט זיך
אָנקליידן דעם נייעם מענטשן, וואָס איז באַשאַפן
געוואָרן לויט (דעם צלם) אלקים אין צדקות און
קדושה פונם אמת.

25 דערפאַר טוט אָפּ פון אייך דעם שקר און רעדט
דעם אמת, יעדער איינער מיט זיין חבר, ווייל מיר
26 זענען אברים איינער פונם אַנדערן. צאָרנט און